בס"ד


בלומינג גראוו

# שטימע

BLOOMING GROVE VOICE

די פאַראייניגטע 'שטימע' פון תושבי 'בלומינג גראָוו' והגלילות

**טבת** תשפ"ג

United Jewish Community of Blooming Grove


## בלומינג גראוו ווילעדזש פירער באַטייליגן זיך ביי ערשטמאָליגע חנוכה אוונט אין גאווערנאָר'ס פריוואַטע רעזידענץ אין אָלבאַני

זייט 2

## נייע גראַנדיעזע 'עקזעקיוטיוו צירקל' ביזנעס צענטער אַפּראָווד אין האַרץ פונעם ווילעדזש



זייט 7

## ווילעדזש געשלאָסן פריוואַטע קאָנטראַקט פאר 'סאַניטאַציע פיקאָפּ' צוויי מאָל פער וואָך מיט גינסטיגע ראַטעס און טערמינען

זייט 8

## ניו יאָרק סטעיט העכסטער אַפּעלאַט געריכט וועט אָננעמען אָנקלאַגע פון "יו. זשעי. סי." אין היסטאָרישן געראַנגל צו באַזאָרגן מוסדות התורה מיט טראַנספּאָרטאַציע אין טעג ווען פּובליק שולעס זענען פאַרשלאָסן

זייט 11

חרדי'שע בלומינג גראָוו לעבט מיט דערהויבענעם שבת מיט כ"ק אדמו"ר מוויזשניץ שליט"א וויליאַמסבורג

זייט 10

הונדערטער חסידים ואנשי מעשה ותושבי העיר לעבן מיט געהויבענע ימי חנוכה בחצר הקודש צאַנז – זמיגראַד

זייט 12

געהויבענער באַזוך דורך כ"ק אדמו"ר מתולדות צבי ספינקא שליט"א אין ישיבה "תורת צבי ד'ספינקא"

זייט 13

## מעלדונג איבער הילף פאר האומלענד סעקיוריטי פראגראם פאר בתי מדרשים אין בלומינג גראוו

זייט 6

לפני מלכים רוזנים יתיצבו למען צרכי אחבנ"י:

# בלומינג גראוו ווילעדזש פירער באַטייליגן זיך ביי ערשטמאָליגע חנוכה אָוונט אין גאָווערנאָר'ס פּריוואַטע רעזידענץ אין אָלבאַני

## פּראָדאָקטיווע געשפּרעכן מיט'ן גאָווערנאָר ברענגט ב"ה באַלדיגע רעזולטאַטן מיט הילכיגן וועטאָ אויף העסליכן "פּרעזערוועישאָן טעקס ביל" אין "ווילעדזש אָוו טשעסטער"

אין אן ערשטמאָליגע און היסטאָרישע שריט איז אָפּגעראָכטן געוואָרן אין אָלבאַני אַן אייגנאַרטיגע חנוכה פייערונג, אַראַנדזשירט און פאַררופן דורך די גאָווערנאָר פון ניו יאָרק סטעיט יר"ה, וועלכע האָט אָפּגעהאַלטן דעם אָוונט אין דער "גאווערנער'ס מענשאן", וואו ס'איז די אָפּיציעלע רעזידענץ פון דעם ניו יארקער גאווערנער אין די יארן ווען זיי דינען אין זייער אמט, מיט דער באַטייליגונג פון אַ געקליבענע צאל אידישע עסקנים און כלל טוער וועלכע זענען פערזענליך געלאַדנט געוואָרן דורך די גאָווערנאָר שטאַב צו אָפּצייכענען דעם אידישן יום טוב.

ביי דער אָוונט איז געווען קענטיג די אָנוועזנהייט פון אַ צאָל אישי הציבור וועלכע שטייען אין שפּיץ פון היימישע קהלות און מוניציפּאַליטעטן אין גרעיטאָר ניו יאָרק. צווישן זיי האָט די גאָווערנאָר אויך איינגעלאַדנט די עסקני וראשי עירינו בלומינג גראוו, מיט ווענען די גאָווערנאָר האַלט ב"ה אן אַ נאָנטע צוזאַמענאַרבעט, זינט ווען עס האט זיך געהאנדלט איבער אפשרייען די "פּרעזערוועישאן טעקס ביל" וועלכע איז געצילט געווארן צו באגרעניצן די אנוועזנהייט פון היימישע אידן דאָ אין טאַון אוו בלומינג גראוו.

ווי עס געדענקט זיך האָט די גאָווערנאָר דעמאלט הילכיג וועטאָאירט דעם ביל און דערמיט דערלאנגט א טויט קלאפּ פאר די שענדליכע געזעץ פאָרשלאַג. זייט דעמאלט איז פארשטארקערט געווארן דער קשר צווישן די ראשי העיר און דעם גאָווערנאָר מיט שטאַרקע פּאָזיטיווע באַציאונגען, וואָס איז אַצינד נאָכאַמאָל געקומען צום אויסדרוק ביי דעם אָוונט.

### אן אימפּאזאנטער אָוונט פון הכרת הטוב און שתדלנות

גאָווערנאָר האוקול יר"ה האָט ביי דעם פייערונג אויפגעטרעטן מיט אַ רעדע, אין וועלכע זי האט זיך זייער באדאנקט פאר די אלע עסקנים און געמיינדעס וועלכע זענען האַלטן אן אַזאַ נאָנטע צוזאַמאַרבעט מיט איר אַדמיניסטראַציע, זי האָט פאַרשפּראָכן צו שטיין צו דער רעכטער זייט פונעם היימישן ציבור אין ניו יאָרק אין ניו יאָרק אָנצייגנדיג אויף איר רעקאָרד פון שטיצע פאר די אידישע געמיינדע אין דער פאַרגאַנגענהייט.

די גאָווערנאָר האָט באַהויפּטעט אַז איר אַדמיניסטראַציע אַרבעט אַצינד אויף גרעסערע פינאַנציעלע פאנדינג צו באקעמפען דאס וואוקס אין האס פארברעכענס און אנטיסעמיטישע אטאקעס וועלכע איז שטארק ארויפגעגאנגען אין די לעצטע תקופה אין ניו יארק סטעיט.

נאָכדעם וואָס מען האָט געצינדן ליכט אין עהרע פון יו"ט חנוכה האָבן די אָנוועזנדע אישי הציבור געהאַט די געלעגנהייט צו רעדן פּריוואַט מיט'ן גאָווערנאָר איבער די אַקטועלע טעמעס וועלכע אַפעקטירן אונזערע געמיינדעס.

### פּערזענליכע שמועס מיט'ן גאָווערנאָר באַהאַנדלט רייע פון וויכטיגע טעמעס

די עסקנים הדגולים, ראשי עירינו בלומינג גראוו, האָבן ווירקליך אויסגענוצט דעם מאָמענט ווען מען האָט דוסקוטירט און זיך אויסגעשמועסט מיט'ן גאָווערנאָר פילע וויכטיגע אנגעלעגנהייטן וואס איז נוגע פאר




אחב״י תושבי בלומינג גראוו המעטירה, ווי פאנדינג פאר וואַסער און סוער און דאָס אויסברייטערן דעם רוט 208 צו פארבעסערן די זיכערהייט און רואיגקייט פון דעם

טראפיק פלוס.

באַזונדער האָט מען באהאַנדלט מיט׳ן גאָווערנאָר איבער אירע צוקונפטיגע פּלענער, וואָס איז פּרעזענטירט געוואָרן לעצטנס, צו אויפבויען איבער די סטעיט הונדערטער טויזענטער הייזער פאר אפארדעבל פּרייזן אז מענטשן מיט נידריגע איינקונפט זאלן קענען זיך איינהאנדלען א דירה.

די עסקני העיר האָבן גע׳שתדל׳ט אַז די סטעיט זאל אינוועסטירן פון די גרענטס אויך דאָ אין בלומינג גראוו, אַז מען זאָל בעז״ה קענען בויען אַ פלייץ פון רחבות׳דיגע דירות פאר צוגענליכע פּרייזן לטובת אחבנ״י. מען האָט אָנגעצייגט פאַר׳ן גאָווערנאָר אַז אין אונזער ווילעדזש איז פאַקטיש פאַרהאַן ריזיגע שטחים, וואָס זענען פולקאָם גרייט צו באלד אנהייבן בויען די הייזער, אַזוי אַז דאָס איז ממש א מקום מוכשר פאר דער סטעיט צו משקיע זיין עפאָרדעבל האַוזינג, און דאָס געלט וואס וועט אינוועסטירט ווערן דא וועט זיך גוט אויסצאלן צו קענען צושטעלן הייזער פאר פאַמיליעס מיט א נידריגע אינקאָם.

ביים ענדע פון דעם פראדאקטיוון שמועס איז אויך ערוועגנט געוואָרן דאָס וואָס אונזערע ברודער אין די ״ווילעדזש אוו טשעסטער״ גייען לעצטנס אַריבער, וואו ״כל מה שאירע ליעקב אירע ליוסף״, דאָס זעלבע וואָס עס האָט פאַסירט צו אונז אין בלומינג גראוו נישט אזוי לאנג צוריק גייען יעצט די אידן אין טשעסטער אריבער, ווען די ארטיגע מוניציפּאַליטעט האט פּרובירט צו אדורכפירן א ״טעקס פּרעזערוועישאן פלאן״ וואס איז זייער ענליך צו דאס וואס די לאקאלע אנטיסעמיטן אין בלומינג גראוו האבן פּרובירט צו אדורכפירן דעם פארלאפענעם יאר, באַזירט אויף ריינע אנטיסעמיטיזם וועמענס ציל איז צו באגרעניצן די מעגליכקייט פון אידן צו בויען און זיך אויסברייטערן דארט.

די עסקנים האבן אַפּעלירט צום גאָווערנאָר אז פּונקט ווי זי האט דאס פארלאפענע יאר וועטאָאירט דעם שענדליכן ביל, זאל זי ווידעראַמאָל אראפּשטימען דעם אַנדערן ביל אין טשעסטער. זי זאָל זיך אַרויסשטעלן אַלס אַ פאן טרעגער קעגן דעם אַנטיסעמיטיזם און צייגן אַז האַס קעגן פרידליכע געמיינדעס וועט נישט טאָלערירט ווערן אין ניו יארק סטעיט.

די גאָווערנאָר האָט זיך פּערזענליך באַדאַנקט פאר די עסקנים וראשי העיר פאר אַלע וויכטיגע טעמעס וועלכע זענען

**United Jewish Community of Blooming Grove**

Mailing address: PO Box 808 Monroe, NY 10949 • Hotline: 845-237-4828 • Email: Info@UJCofBloomingGrove.org

August 16, 2022

Hon. Kathy Hochul
Governor of the State of New York
NYS State Capitol Building
Albany, New York 12224

Re: Opposition to S1810/A5585A

Dear Governor Hochul,

On behalf of The United Jewish Community of Blooming Grove (UJC), and hundreds of Hasidic Jewish residents of the Town of Blooming Grove and Village of South Blooming Grove, we respectfully request that you veto S1810/A5585A, which claims to relate to community preservation funds for the Town of Chester, but actually seeks to fund and extend the continuing discriminatory activities by municipalities in Orange County to make housing unavailable to Hasidic Jewish families in violation of the Fair Housing Act.

Recognizing the discriminatory nature of this type of "community preservation" bill, the Assembly last year refused to pass an identical bill that would have funded the Town of Chester's discriminatory community preservation efforts (see S1810/A5585, available at https://www.nysenate.gov/legislation/bills/2021/a5585). In light of Attorney General James' success in the federal lawsuit against Chester for violations of the Fair Housing Act, that was understandable. Bringing the bill back now, when nothing has changed in the interim to make this necessary, not only threatens Hasidic Jewish families in Chester, but all families across Orange County, including my constituents in Blooming Grove.

With the increases in significant housing pressure in Orange County, many Hasidic Jewish families have recently relocated to municipalities nearby to the Town of Palm Tree and Village of Kiryas Joel, where many religious and cultural services necessary to the practice of Hasidic Judaism are located. In response to Hasidic families seeking to live in the nearby communities where they can freely practice their faith, the adjacent municipalities, including the Town of Blooming Grove, have endeavored to preserve their "rural community character" as a means to exclude Hasidic Jewish families.

This is not a new phenomenon. For years, Orange County municipalities have adopted restrictive land use plans and zoning laws, building moratoria, anti-solicitation laws, and other local customs and policies that, although appearing facially neutral, are designed to limit the new housing available for and to exclude the Hasidic Jewish families who need it in violation of the Fair Housing Act. For example, New York Attorney General Letitia James intervened and recently prevailed in a federal lawsuit to stop housing discrimination in the Town of Chester, where Town officials had discriminatorily blocked a residential housing project and enacted local laws to make the homes too small for any Hasidic Jewish family to use based upon, among other things, the fabricated desire to preserve the Town of Chester's rural community character (see Attorney General Letitia James, Press Release, June 18, 2021, Attorney General James Ends Discriminatory Housing Practices Against Jewish Community in Orange County, available at https://ag.ny.gov/press-release/2021/attorney-general-james-ends-discriminatory-housing-practices-against-jewish).

Similar lawsuits have had to be filed against a number of other Orange County municipalities to fight against local efforts to exclude Hasidic Jewish families (see e.g. Matter of Village of Kiryas Joel v Village of Woodbury, 138 AD3d 1008, 1013 [2d Dept 2016] [finding questions of fact that Village of Woodbury zoning constitutes exclusionary zoning]; BMG Monroe I, LLC v Town of Monroe, USDC, SDNY, Case No. 16-cv-8266 [challenge to Town of Monroe building moratorium and effort to block residential project]; Highview Properties D.F.H., Inc v Town of Monroe, USDC, SDNY, Case No. 18-cv-00867 [challenge to Town of Monroe building moratorium and effort to block residential project]; CHAB Five Realty, LLC v Town of Monroe, USDC, SDNY, Case No. 17-cv-07300 [challenge to Town of Monroe building moratorium and effort to block residential project]; BMG Monroe I, LLC v Village of Monroe, USDC, SDNY, Case No. 20-cv-1357 [challenge to Village of Monroe's tactics to delay; see also e.g. LeBlanc-Sternberg v. Fletcher, 67 F3d 412 [2d Cir. 1995] [exclusion of Hasidic Jews in Rockland County violated FHA]; Bloomingburg Jewish Educ. Ctr. v Vil. of Bloomingburg, N.Y., 111 F Supp 3d 459, 490-91 [SDNY 2015] [a developer adequately stated FHA claims against a village in Sullivan County based upon the village's "discriminatory animus against Hasidic Jews"]). In each of these cases, the Orange County municipalities had attempted to justify their exclusionary tactics by reference to a preservation of community character. Indeed, community groups have been organized to oppose housing for Hasidic Jewish families—like CUPON Orange, United Monroe, CUPON Rockland, Preserve Ramapo, and Preserve Airmont, among many others—have used the purported preservation of rural community character to justify their discriminatory campaigns.

While this bill relates to the Town of Chester, its passage would most certainly encourage the Legislature to revive the identical bill for the town of Blooming Grove (S1811/A5761) that you vetoed last year. Indeed, these bills seek to authorize the Towns to fund their discriminatory efforts to exclude Hasidic Jewish families by creating new taxes on real estate sales, many of which involve the Hasidic Jewish families who are relocating to these municipalities. In essence, these bills would allow the Towns to force Hasidic Jewish families who want to live in the Towns to fund the Towns' campaigns to make housing unavailable to them. In fact, in Blooming Grove, the Town has already adopted a Community Preservation Plan that lists 247 parcels and a total of 11,646 acres as "Priority Parcels" for rural preservation and additional restrictions on development (see Town of Blooming Grove Community Preservation Plan, available at https://www.townofbloominggroveny.com/Portals/5/BG%20Preservation%20Plan%20Adopted_WAppendices_2020_1_17-compressed.pdf?ver=2020-03-09-190437-947).

Although the Legislature should have once again refused to pass S1810/A5558A on the same grounds, you can remedy that error by vetoing the bill and, once again, reaffirming New York's commitment to fighting antisemitism and promoting the diversity, inclusivity, and tolerance, in housing and all aspects of life, that New York prides itself on.

Thank you for your consideration for the communities' views and needs.
Respectfully,

**Joel Stern**
UJC Board Representative

**Yitzchok Ekstein**
UJC Board Chairman

אויסגעשמועסט געוואָרן. באַזונדער האָט זי פאַרשפּראָכן אַז ווען דער ביל וועט אנקומען צו איר טיש וועט זי דאס וועטאאירן און זי וועט נישט ערלויבן אז די שונאי ישראל זאלן אונז באגרעניצן.

מען האָט זיך געזעגנט פון דעם אָוונט אין אַ פּאָזיטיווע שטימונג, ווען עס שפּירט זיך ביי אַלעמען אַז מען האָט ב"ה עררייכט אַ געוואַלדיגע הצלחה און סייעתא דשמיא, צו אָנקניפּן אַזעלכע נאָנטע קשרים מיט די הויכראַנגיגע סטעיט באַאַמטע, וואָס מען וועט נאָך אַסאַך אויסנוצן פאר דער תועלת און טובה פון אחינו בני ישראל און איבערהויפּט פאר תושבי עירינו המעטירה.

## גאָווערנאָר שליידערט אַרויס שעדליכע "טשעסטער" פּרעזערוועישן ביל

בחסדי השי"ת האָט די שתדלנות ווירקליך אויפגעטון דאָס ריכטיגע, ווען בלויז עטליכע טעג דערויף, דעם קומענדיגן פרייטאג צונאַכטס פּרשת מקץ, האט די גאָווערנאָר געגעבן איר וועטאָ סטעמפּל צו גענצליך אַרויסוואַרפן דעם שעדליכן פּרעזערוועישאן טעקס ביל אין דעם ווילעדזש אָוו טשעסטער, שיקנדיג דערביי א הילכיגע מעסעדזש פאר גאנץ ניו יארק סטעיט אז אַנטיסעמיטיזם און דיסקרימינאַציע וועט נישט טאלערירט ווערן אין די רעגירונג קרייזן אין אָלבאַני, נאר דאָס וועט ווערן באקעמפט אן קיין צעגערייען און פאַרענטפערונגען און אַז די גאָווערנאָר שטייט מיט א שטאַנדהאַפטיגקייט און אויפריכטיגקייט צו צייגן טאָלעראַנץ און ארויסווארפן אַזעלכע סאָרט געזעצן וואס איז געצילט צו שטערן היימישע געמיינדעס.

זאל טאַקע אונטערגעשטראכן ווערן אַז אָט די שריט פון גאווערנער האוקול צו וועטאָאירן דעם געזעץ איז געווען א באזונדערע אקט פון סאָלידאַריטעט און חיזוק פאר דעם אידישן ציבור אין ניו יארק, וויבאלד אפילו אויב וואלט זי נישט וועטאָאירט דעם ביל, נאר בלויז זיך צוריקגעהאלטן פון דאס אונטערשרייבן וואלט דער ביל סייווי געווארן ארויסגעווארפן ביי דער ענדע פון די למספרם יאר וואס פאלט אויס יאנואר דעם ערשטן בחצי הלילה, ווי דאָס געזעץ באַשטימט אַז אַ ביל וואס איז אדורכגעפירט געווארן אין די לעגיסלאטיווע פליגל, און איז נישט אונטערגעשריבן געוואָרן דורכ'ן גאווערנער, ווערט דאס אויטאמאטיש אַרויסגעוואָרפן.

באַלד נאָכ'ן וועטאָאירן דעם ביל האָט די גאָווערנאָר געבעטן איר שטאַב זיך צו פאַרבינדן מיט די היימישע בלומינג גראווער ווילעדזש פירער. די געהילפן צום גאָווערנאָר האָבן איבערגעגעבן די גינסטיגע בשורה, וואָס די עסקנים האָבן ווי פאַרשטענדליך הערשט באַקומען מוצאי שבת חנוכה, ווען מען האָט אָפּגעאָטעמט מיט דערלייכטערונג אַז ס'איז ווידעראַמאָל נישט געלונגען פאר די העסליכע עלעמענטן צו שטערן דעם וואוקס פון אידישע קינדער אין דעם ראַיאָן, אַדאַנק די סימפּאַטישע קשר מיט דער סטעיט אַדמיניסטראַציע.

געוויס איז מען דאַנקבאַר מיט אַ שבח והודאה להשי"ת, וואָס "לב מלכים ושרים" איז דאך בידו, אַז מען האָט ב"ה באַוויזן ביז אַהער אַזאַ הצלחה, און מען איז מתפלל אויפ'ן צוקונפט אַז מען זאָל ווייטער שטענדיג האָבן דעם אָפּענעם טויער לפני מלכים ורוזנים, מיט אַלע אַנדערע אַנגעלעגנהייטן וועלכע זענען דוסקוסירט געוואָרן מיט'ן גאָווערנאָר, אפצוהאלטן שאָדנס פון נזק ממון ישראל און אויסברייטערן די גבולי הקדוש במדה גדושה.

**VILLAGE OF SOUTH BLOOMING GROVE**

811 Route 208, Monroe NY 10950 · Phone: 845-782-2600 · Fax: 845-782-2601
P.O. Box 295, Blooming Grove, New York 10914 · www.vosbg.com

**Mayor**
George Kalaj

**Deputy Mayor**
Abraham Weiss

**Trustees**
Yitzchok Feldman
Asher Guttman
Zalmen Rosner

**Village Counsel**
Scott Ugell

**Special Counsel**
Ira Immanuel

August 16, 2022

**Hon. Kathy Hochul**
**Governor of the State of New York**
**NYS State Capitol Building**
**Albany, New York 12224**

Re: Opposition to S1810/A5585A

Dear Governor Hochul,

On behalf of the Village of South Blooming Grove, The United Jewish Community of Blooming Grove (UJC), and hundreds of Hasidic Jewish residents of the Town of Blooming Grove and Village of South Blooming Grove, I respectfully request that you veto S1810/A5585A, which claims to relate to community preservation funds for the Town of Chester, but actually seeks to fund and extend the continuing discriminatory activities by municipalities in Orange County to make housing unavailable to Hasidic Jewish families in violation of the Fair Housing Act.

Recognizing the discriminatory nature of this type of "community preservation" bill, the Assembly last year refused to pass an identical bill that would have funded the Town of Chester's discriminatory community preservation efforts (*see* S1810/A5585, *available at* https://www.nysenate.gov/legislation/bills/2021/a5585). In light of Attorney General James' success in the federal lawsuit against Chester for violations of the Fair Housing Act, that was understandable. Bringing the bill back now, when nothing has changed in the interim to make this necessary, not only threatens Hasidic Jewish families in Chester, but all families across Orange County, including my constituents in Blooming Grove.

With the increases in significant housing pressure in Orange County, many Hasidic Jewish families have recently relocated to municipalities nearby to the Town of Palm Tree and Village of Kiryas Joel, where many religious and cultural services necessary to the practice of Hasidic Judaism are located. In response to Hasidic families seeking to live in the nearby communities where they can freely practice their faith, the adjacent municipalities, including the Town of Blooming Grove, have endeavored to preserve their "rural community character" as a means to exclude Hasidic Jewish families.

This is not a new phenomenon. For years, Orange County municipalities have adopted restrictive land use plans and zoning laws, building moratoria, anti-solicitation laws, and other local customs and policies that, although appearing facially neutral, are designed to limit the new housing available for and to exclude the Hasidic Jewish families who need it in violation of the Fair Housing Act. For example, New York Attorney General Letitia James intervened and recently prevailed in a federal lawsuit to stop housing discrimination in the Town of Chester, where Town officials had discriminatorily blocked a residential housing project and enacted local laws to make the homes too small for any Hasidic Jewish family to use based upon, among other things, the fabricated desire to preserve the Town of Chester's rural community character (*see* Attorney General Letitia James, Press Release, June 18, 2021, *Attorney General James Ends Discriminatory Housing Practices Against Jewish Community in Orange County*, *available at* https://ag.ny.gov/press-release/2021/attorney-general-james-ends-discriminatory-housing-practices-against-jewish).

Similar lawsuits have had to be filed against a number of other Orange County municipalities to fight against local efforts to exclude Hasidic Jewish families (*see e.g. Matter of Village of Kiryas Joel v Village of Woodbury*, 138 AD3d 1008, 1013 [2d Dept 2016] [finding questions of fact that Village of Woodbury zoning constitutes exclusionary zoning]; *BMG Monroe I, LLC v Town of Monroe*, USDC, SDNY, Case No. 16-cv-8266 [challenge to Town of Monroe building moratorium and effort to block residential project]; *Highview Properties D.F.H., Inc v Town of Monroe*, USDC, SDNY, Case No. 18-cv-00867 [challenge to Town of Monroe building moratorium and effort to block residential project]; *CHAB Five Realty, LLC v Town of Monroe*, USDC, SDNY, Case No. 17-cv-07300 [challenge to Town of Monroe building moratorium and effort to block residential project]; *BMG Monroe I, LLC v Village of Monroe*, USDC, SDNY, Case No. 20-cv-1357 [challenge to Village of Monroe's tactics to delay; *see also e.g. LeBlanc-Sternberg v. Fletcher*, 67 F3d 412 [2d Cir. 1995] [exclusion of Hasidic Jews in Rockland County violated FHA]; *Bloomingburg Jewish Educ. Ctr. v Vil. of Bloomingburg, N.Y.*, 111 F Supp 3d 459, 490-91 [SDNY 2015] [a developer adequately stated FHA claims against a village in Sullivan County based upon the village's "discriminatory animus against Hasidic Jews"]). In each of these cases, the Orange County municipalities had attempted to justify their exclusionary tactics by reference to a preservation of community character. Indeed, community groups have been organized to oppose housing for Hasidic Jewish families—like CUPON Orange, United Monroe, CUPON Rockland, Preserve Ramapo, and Preserve Airmont, among many others—have used the purported preservation of rural community character to justify their discriminatory campaigns.

While this bill relates to the Town of Chester, its passage would most certainly encourage the Legislature to revive the identical bill for the town of Blooming Grove (S1811/A5761) that you vetoed last year. Indeed, these bills seek to authorize the Towns to fund their discriminatory efforts to exclude Hasidic Jewish families by creating new taxes on real estate sales, many of which involve the Hasidic Jewish families who are relocating to these municipalities. In essence, these bills would allow the Towns to force Hasidic Jewish families who want to live in the Towns to fund the Towns' campaigns to make housing unavailable to them. In fact, in Blooming Grove, the Town has already adopted a Community Preservation Plan that lists 247 parcels and a total of 11,646 acres as "Priority Parcels" for rural preservation and additional restrictions on development (*see* Town of Blooming Grove Community Preservation Plan, *available at* https://www.townofbloominggroveny.com/Portals/5/BG%20Preservation%20Plan%20Adopted_WAppendices_2020_1_17-compressed.pdf?ver=2020-03-09-190437-947).

Although the Legislature should have once again refused to pass S1810/A5558A on the same grounds, you can remedy that error by vetoing the bill and, once again, reaffirming New York's commitment to fighting antisemitism and promoting the diversity, inclusivity, and tolerance, in housing and all aspects of life, that New York prides itself on.

Thank you for your consideration of my constituents' views and needs.

Respectfully,

George Kalaj
Mayor – Village of South Blooming Grove

CC:
VSBG Board of Trustees
Joel Stern, Isaac Ekstein

# VILLAGE OF SOUTH BLOOMING GROVE

811 Route 208, Monroe NY 10950 · Phone: 845-782-2600 · Fax: 845-782-2601
P.O. Box 295, Blooming Grove, New York 10914 · www.vosbg.com



**Mayor**
George Kalaj

**Deputy Mayor**
Abraham Weiss

**Trustees**
Yitzchok Feldman
Asher Guttman
Zalmen Rosner

**Village Counsel**
Scott Ugell

**Special Counsel**
Ira Immanuel


## וויכטיגע מעלדונג אַנבאַלאַנגט דעם

# ווילעדזש שאָטל סערוויס

ס'איז אונז אַ פרייד צו מיטטיילן אַז דער ווילעדזש געפינט זיך אַצינד אין **די לעצטע שטאַפּלן פון פארטיגן און ארויסלייגן דעם "ביד" פראצעדור**, צו איינהאנדלען און אַהערשטעלן און באַקומען דאָס בעסטע און מערסט - עפאָרדעבל באסעס פארן שאָטל טראַנספּאָרטאַציע סערוויס צום באַנוץ פון די איינוואוינער.

עס ווערט געלייגט דגוש אז די באסעס זאלן זיין פראקטיש און באקוועם צום באנוץ פאר די עלטערן מיט קליינע קינדער און פאר קערידזשעס.

דער "ביד" איז אַ לעגאלער פראצעדור וואס מוז געטון ווערן דורך דעם ווילידזש בעפאר דעם קויפן די באסעס און אויפנעמען דרייווערס, און איז טייל פון דעם סיסטעם וואס ווערט געטון צו פאַרזיכערן **דאָס מאַקסימום בענעפיט פאר די באַנוצער און רייזנדע**, דורך ערהאַלטן די בעסטע פאָרשלאגן פון פרייזן און סערוויסעס, בעז"ה.

**באַלד נאָכדעם וואָס דער "ביד" פראצעדור וועט פאַרענדיגט ווערן וועט געמאָלדן ווערן די גענויע דעטאַלן און סקעדזשול פון דעם "ווילעדזש שאָטל" וואָס וועט שטיין געטריי צו באַדינען אַלע איינוואוינער מיט'ן גרעסטן באַקוועמליכקייט און צוגענגליכקייט.**

---

ווי שטענדיג, לייגט דער ווילעדזש אויך אַצינד, אַ באַזונדערע פאָקוס אויף דעם **"לכו והתפרנסו זו מזו"**, אַז די שאָטל סערוויס און אַלע זייטיגע אויסגאַבן זאלן זיין **"מעיד אין בלומינג גראוו"**, דורך לאָקאַלע איינוואוינער וואָס **זאָל הייבן די לאקאלע היימישע עקאָנאָמיע.**

**דעריבער אויב האָט איר סיי וועלכע פאָרשלאַג, אָדער איר זענט וויליג צו אָננעמען אַ דזשאַב פון דרייוון דעם שאָטל א.א.וו.**

**ביטע לאָזט אונז וויסן דורך אַריינרופן**

**דעם ווילעדזש אָפיס אויף 845-782-2600**

לאזט א מעסעזש מיט די ווילידזש קלוירק

---

**ובשם ה' נעשה ונצליח!**





בס"ד

# United Jewish Community of Blooming Grove

United Jewish Community
Est. 2019
of Blooming Grove

Mailing address: PO Box 808 Monroe, NY 10949 • Hotline: 845-237-4828 • Email: Info@UJCofBloomingGrove.org

**Isaac Ekstein**
*Board Chairman*

**Joel Stern**
*Board Representative*

**Robert S. Rosborough IV**
*Board Counsel*

**Joseph Weinberger**
*Finance / Fundraising*

**Chaim Gluck**
**Sendy Stern**
**Hershey Lowy**
**Meilech Hiller**
**Shia Bitman**
**Shmiel Burich Kohn**
**Shmaya Spitzer**
*Board members*

# צייטליכע מעלדונג

## פאר קהלות הקודש און בתי מדרשים בתוככי עירינו המעטירה

אין די יעצטיגע צייט פון יאָר איז ווידעראַמאָל פאַרהאַן די געלעגנהייט
צו אַפּלייען פאר די יערליכע סטעיט און פעדעראַלע

## Homeland Security Grant Program

וואָס פאַרטיילט גרעסערע געלטער צו פאַרשטערקערן די זיכערהייט אין און אַרום בתי מדרשים און ציבור׳ישע פאַרזאַמלונג ערטער, ווי: אינסטאָלירן שטאַרקע טירן און פענסטער, סורוועילענס קעמערעס, שלעסער אויף די טירן, עלעקטראָנישע שלאָס סיסטעמען, א.א.וו.

**פאַראַיאָר האָבן שוין עטליכע לאָקאַלע קהלות און בתי מדרשים ווירקליך ערהאַלטן הונדערטער טויזנטער דאָלער, וואָס איז גענוצט געוואָרן פאַר די וויכטיגע זיכערהייט מאָסנאַמען.**

**אַצינד, ווען ס׳איז נאָכאַמאָל פאַרהאַן אַ שאַנס צו באַקומען די פאָנדן, איז איינפאַך אַ שאָד צו לאָזן דאָס געלט פאַרפאַלן גיין, והתורה חסה על ממונם וכו׳.**

**אונזערע ׳גרענט שרייבער׳ שטייען גרייט און וויליג אַרויסצוהעלפן אַלע שטאָטישע קהלות און בתי מדרשים וועלכע ווילן אַריינשיקן זייער אַפּליקאַציע. ס׳איז נישט ראַטזאַם דאָס צו אָפּלייגן, ווייל די ׳גרענט׳ קאַסע פאַרמאָגט בלויז אַ באַשטימטע צאָל פאָנדן, וכל הקודם זכה.**

**גבאים פון בתי מדרשים דאָ אין שטאָט**
**קענען זיך שטענדיג פאַרבינדן מיט׳ן אָפיס**
**mcmillman@gmail.com 845-269-9671**

מיר ווען אייך געטריי אָנצייגן און באַגלייטן דורכאויס די גאַנצע אַפּליקאַציע פּראָצעדור.

**ואם ה׳ לא ישמור עיר שוא שקד שומר, ובשם ד׳ נעשה ונצליח**

בכבוד רב
**די פאַראייניגטע אידישע קהלות אין בלומינג גראוו**

# נייע גראַנדיעזע 'עקזעקיוטיוו צירקל' ביזנעס צענטער אַפּראָווד אין האַרץ פונעם ווילעדזש

מיט צופרידנהייט ווערט אויפגענומען די מעלדונג איבער אַ פרישע גרויסע ביזנעס און אָפיס צענטער, די "עקזעקיוטיוו צירקל" געביידע, וועלכע האָט נאָרוואָס ערהאַלטן די נויטיגע פערמיטן דורך דעם ווילעדזש פלעונינג באָורד, מיט באַלדיגע פלענער צו אויפבויען אַ רחבות'דיגן צענטער פאר ביזנעסלייט און אָפיס אייגנטומער, אויפ'ן רד. 208, ביים מאונטעין ראוד אינטערסעקשן אין האַרץ פון דעם היימישן געגנט אין ווילעדזש אָוו סאַוט בלומינג גראוו.

די גרויסע געביידע וועט אַנטהאַלטן אַריבער 100,000 סקווער פיס מיט רייכע אפיס קאנדאס אויף די פיר לופטיגע שטאקן. די קאנדאס וועלן געבויעט ווערן אין עטליכע פאָרמאַטן, גרעסערע און קלענער, און עס וועט פאַרקויפט ווערן, ברענגענדיג אַ הערליכע צוקונפט פאר לאָקאַלע ביזנעסער.

די פערמיטן זענען געגעבן געוואָרן נאָכדעם וואָס די אַפליקאַנטן זענען געזיצן מיט די זאָונינג און פלעונינג באָורד, וואו זיי זענען נאָכגעקומען אַלע נויטיגע פאָרשריפטן, צו אַהערשטעלן אַ 'סטעיט אָוו די אַרט' געביידע, וואָס זאָל טאַקע זיין הונדערט פראָצענט לעגאַל און פאַרזיכערט געבויעט, סיי פאַר'ן באַנוצער און סיי פארן פובליקום.

באַזונדער איז געלייגט געוואָרן אַ געוויכט אויף די טעמע פון פאַרקינג, וואָס איז, ווי באַקאַנט, אַ פונדאַמענטאַלע פאַרלאַנג צו פאָראויסגיין מיט יעדע גרעסערע פראָיעקט, צו פאַרזיכערן אַז די טראַפיק פלוס אין דעם ווילעדזש זאָל גאָרנישט אַפעקטירט ווערן פון די נייע אונטערנעמונגען בהוה ובעתיד.

די אַפליקאַנטן זענען דאָס ווירקליך נאָכגעקומען מיט אַ פאַרשטענדעניש און צוגעשטעלט אַ ריזיגע צאָל פון איבער 300 פאַרקינג ערטער, וואָס וועט אַקאָמאַדירן דאָס געברויך, וויסנדיג אַז דאָס וועט בלויז בענעפיטירן און אויפהייבן די ניוואָ פון קוואַליטעט פון דעם ביזנעס צענטער.

ס'איז דעריבער אַ שטאַרק פאָזיטיווע אַנטוויקלונג ווען דער פרישער אָפיס צענטער האָט פאַקטיש שוין ערהאַלטן די "פיינעל סייט פלען" אפראוועל, און ווי אויך פאר אַלע אַנדערע פאָרשריפטן. אין די קומענדיגע פאַזע גרייטן זיך די דעוועלאָפער צו אַריינגעבן די בילדינג פערמיטן, און די בוי אַרבעט וועט זיך דערנאָך אָנהויבן ווי אַמשנעלסטן, צו דער צופרידנהייט פון ביזנעסלייט און אָפיס אייגטומער.

לויט די אַקטועלע פלענער וועט די גאַנצע 'עקזעקיוטיוו צירקל' געביידע פרעכטיג דעזיינט ווערן אין אַ ביזנעס ענווייראָמענט, מיט פיר שנעלע און פארגעשריטענע עלעוועיטערס, א געשמאקע קאווע ווינקל צו קענען כאַפּן אַ רואיגע קאווע ברעיק אינמיטן א שווערע ביזנעס טאָג, פילע אָפיס קאנדאס וועלן אויך האָבן לופטיגע פאָרטשעס, און ס'וועט אויפגעשטעלט ווערן אַ רואיג ווינקל פאר אַ בית המדרש זיך צו קענען אַרויסכאַפּן פאר שיעורי תורה און מניני מנחה מעריב.

די געביידע וועט שטיין עטוואס אַרויס פון די 208 טראפיק, הארט אונטער MSP PRODUCTIONS אבער איז פארט גענוג נאנט צו דער גאַנצער געגנט געבנדיג די מעגליכקייט פאר די ביזנעסלייט צו קענען אנקומען אַהין לייכטערהייט. די געביידע וועט דירעקט אַנטהאַלטן בלויז ביזנעסער און נישט קיין געשעפטן, וואס דאס ערווארטעט צו ברענגען גאר א פראָדוקטיווע ביזנעס אטמאספער מיט אַ גייסט פון הרחבת הדעת.

תושבי בלומינג גראוו קוקן ארויס אויף די הצלחה פון דעם פראָיעקט וואָס וועט געוויס זיין נאָך אַ נאָבעלע אונטערנעמונג אין דעם הערליכן אויפבליה פון אונזער שטאט, לכו והתפרנסו זה מזה!



## לאַנג ערוואַרטעטע דורכברוך פאַר קינדער געבענטשטע פאמיליעס תושבי עירינו בלומינג גראוו:

# ווילעדזש געשלאָסן פּריוואַטע קאָנטראַקט פאר 'סאַניטאַציע פּיקאָפּ' צוויי מאָל פּער וואך מיט גינסטיגע ראַטעס און טערמינען

שוין לאַנגע יאָרן וואָס איינוואוינער אין ווילעדזש אָוו סאַוט בלומינג גראוו קוקן אַרויס אויף אַ פאַרבעסערטע סאַניטאַציע סיסטעם, וואָס זאָל זיין מער צוגעפּאַסט פאר דעם געברויך פון היימישע פאַמיליעס, מיט אַ מער אפטע "פּיקאָפּ" סקעדזשול אַז מען זאָל נישט זיין געצווינגען צו פאַרבלייבן דורכאויס די גאַנצע וואָך מיט גרעסערע קוואַנטומען פון גאַרבעדזש פאָרנט פון די שטיבער.

אין די לעצטע צוויי יאָר זענען צום ווילעדזש אָפּיס אַריינגעקומען אומצאָליגע הונדערטער פאַרלאַנגען פון איינוואוינער אין אַלע געגנטער, וועלכע האָבן געבעטן אַז ס'זאָל געטון ווערן עפּעס זאַכליך צו ברענגען אַ טויש אין דעם הינזיכט. איבערהויפּט האָט מען דאָס געהערט פון פילע אין די זומער חדשים, ווען די איבערגעפולטע גארבידזשעס זענען אַ באַשיינפּערליכע שטער פאר די זויבערקייט און ריינקייט פון אונזערע גאַסן און דרייוועיס. איינוואוינער האָבן זיך באַקלאָגט אַז דער איינפיר פון אויפּפיקן גארביזש בלויז איינמאָל אַ וואָך ברענגט שמוץ, ווערים, אַ שלעכטע גערוך, און אַנדערע אומאַנגענעמע ערשיינונגען וואָס שטערט דעם רואיגן לעבנסשטייגער פון אַ אידישע שטאט.

אַצינד, ווען ס'איז אָנגעקומען דער נייער למספרם יאָר ווען ס'איז אָפּגעלאָפן די לאַנגיעריגע קאָנטראַקט פון די טאון מיט די IWS סאַניטאַציע פירמע, האָבן די ווילעדזש באַאַמטע אַריינגעלייגט אַסאַך אַרבעט צו געפינען אינאיינעם מיטן טאון אַ פּאַסיגע פירמע וואָס זאָל זיין סיי צוגענגליך און פּראַקטיש, און גלייכצייטיג דאָס ביליגסטע און מערסט - עפּאָרדעבל פאר היימישע משפּחות.

די נקודה פארוואס מען האלט נאך אן די סאניטאציע דורך דעם טאון איז אויך נאר בכדי צו שפּארן געלטער פאר די איינוואוינער, וויבאלד דער טאון וואס פארפיגט אויף א גאר גרויסער שטח באקומט היפש בעסערע ראטעס ביים פארהאנדלען מיט די פירמעס ווי אונזער קלענערער ווילעזדש.

ביז יעצט האָט מען גענאָסן פון אַ נידריגע רעיט צוליב דעם קאָנטראַקט דורך דעם טאון מיט די IWS פירמע וואָס איז געמאַכט געוואָרן מיט יאָרן צוריק פאר א פינף יעריגן טערמין וואס איז נארוואס אויסגעלאפן. פּאַקטיש האָט IWS אויך פּרובירט עטליכע מאָל צו העכערן די ראַטע אין אַ צייט וואָס קאָסטן פון געז און אַנדערע אויסגאַבן זענען געשטיגן זייער הויך, אָבער זיי האָבן דאָס נישט געקענט באַווייזן אַדאַנק דעם אַלטן קאָנטראַקט. אָבער יעצט ווען דער קאָנטראַקט איז אָפּגעלאָפן האָט מען אָנגעהויבן זוכן אַ פירמע וואָס זאָל געבן אַ גוטן פּרייז פאר גוטע סערוויס.

למעשה האָט די "טאַון אָוו בלומינג גראוו" געמאָלדן אַז זיי האָבן געשריבן קאָנטראַקט מיט די Marangi סאַניטאַציע פירמע, צו פארוואלטן איבער די סאַניטאַציע געברויכן פון אלע איינוואוינער וועלכע וואוינען אין אירע גרעניצן, וואס דאס רעכענט אריין אויך אונזער "ווילעדזש אוו סאוט בלומינג גראוו".

אָבער ווען די ווילעדזש באַאַמטע האָבן פּרובירט צו אויסהאַמערן אן אָפּמאַך מיטן טאון אַז די פירמע זאל דורכפירן צוויי פּיקאָפּס וועכנטליך, האָט מען זיך אָנגעשטויסן אין קאָמפּליקאַציעס מיט די טאַון באַהערדע וועלכע האָבן דאָס פּרובירט צו אויסמיידן, צוליב אומפאַרשטענדליכע סיבות. די טאַון האָט באַשטימט אַז די נייע סאַניטאַציע אָפּצאָל פּער חודש זאָל זיין 31.50 דאָלער, פאר בלויז איין גאַרבעדזש קען, איינמאָל אַ וואָך.

אין די נאָכפאָלגנדע טעג האָט די סאַניטאַציע פירמע גאָר אָנגעקלאַפּט ביי די טירן פון איינוואוינער, מיט אַ פאָרשלאַג אַז אויב מען דאַרף האָבן נאָך אַ 'גאַרבעדזש קען' זאָל מען זיין געצווינגען צו באַצאָלן געשוואָלענע פּרייזן פון $110 פּער חודש פאר די צוגאב צוויי קענס אליינס!!!.

ווי שטענדיג זענען עס געווען די שליחי הציבור, אינערהאַלב די ווילעדזש קאָרידאָרן, וועלכע האָבן זיך באַלד אַריינגעוואָרפן אין דער אינטערוועניץ. מ'האָט אינוועסטירט אַסאַך שעות און צייט פאר לענגערע מיטינגען און אַלע ערליי סאָרט השתדלות אַהין און צוריק, ביז מען האָט ב"ה דערגרייכט אַ פּריוואַטן אָפּמאַך, אויסשליסנדיג דעם טאון, נאר צווישן די פירמע מיט'ן ווילעדזש, וואָס האָט געברענגט דעם בעסטן דיעל פאר די תועלת פון אַלע שטאט איינוואוינער.

גאָר באַזונדער איז באַגריסט געוואָרן די לאַנג ערוואַרטעטע דורכברוך פון אַ סאַניטאַציע סקעדזשול צוויי מאָל יעדע וואָך, אויף וואָס מען קוקט שוין אַזוי שטאַרק אַרויס. ס'איז באַשטימט געוואָרן אַז מען וועט אָפּנעמען די גאַרבעדזש יעדן מאָנטאָג

און דאָנערשטאָג אינדערפרי, וואָס הייבט אן אַ נייע עפּאָכע פון ריינקייט אויף אונזערע גאַסן פאר די קומענדיגע יאָרן.

ווי ערוועגט איז נישט געווען מעגליך צו האַלטן די ביז - יעצטיגע פרייזן, אָבער ס'איז ב"ה באַוויזן געוואָרן צו אויסהאַמערן אַ רעלאַטיוו צוגענליכע ראַטע אַז מען זאָל צאָלן בלויז נאָך 20 דאָלער פאר דעם צווייטן פּיקאָפּ דורך דעם ווילעזדש, אין צוגאָב צו די 31.50 פאר די רעגולארע פּיקאָפּ דורך דעם טאון.

מיט אַ בליק אויף אונזערע שכינות'דיגע מוניציפּאַליטעטן איז צום באַוואונדערן וויאַזוי מען האָט ב"ה דערגרייכט אַזאַ גינסטיגע דיעל. אין די 'טאַון אָוו גאשען' צאָלט מען $46.66 פּער האוזהאלד פּער מאָנאַט, פאר איין פּיק-אָפּ יעדע וואָך; אין די 'טאַון אָוו העמפּטאנבורג' צאָלט מען $45.87 פּער האוזהאלד פּער מאָנאַט, פאר איין פּיק-אָפּ יעדע וואָך; און אין די 'טאַון אָוו ווערוויק' צאָלט מען $45.12 פּער האוזהאלד פּער מאָנאַט, פאר איין פּיק-אָפּ יעדע וואָך;

דאָס באַדייט אַז פּאַקטיש וועלן די איינוואוינער אין דעם ווילעדזש אָוו סאַוט בלומינג גראוו באַקומען צוויי וועכנטליכע פּיקאָפּס, פאר כמעט די זעלבע פּרייז וואָס אַלע אַרומיגע געגנטער צאָלן פאר בלויז איין פּיקאָפּ. אַדאַנק די געניטע אָפּמאַך וועלן מיר ערהאַלטן אַ דאָפּלטע סערוויס פאר די פּרייז פון איינס.

ווי פאַרשטענדליך האָט מען געקענט אויסהאַמערן אַזאַ צוגענגליכע דיעל בלויז דורכדעם וואָס דאָס איז גילטיג אויף אַלע איינוואוינער פון דער ווילעדזש, אָן קיין מעגליכקייט אַז יחידים זאָלן קענען אָפּזאָגן דעם צווייטן פּיקאָפּ, פּונקט ווי יעדע אַנדערע מוניציפּאַלע אָדער שטאָטישע סערוויס וואָס ווערט צוגעשטעלט פאר אַלעמען צוגלייך, ווי טעקסעס, א.ד.ג.

איבריג צו באַטאָנען אַז פאר די גרעסטע מערהייט פון איינוואוינער מיט קינדער געבענטשטע פאַמיליעס בליעה"ר איז דאָס ב"ה א געוואונטשענע דורכברוך אויף וואָס מען קוקט שוין לאַנג ארויס, און דאָס זעלבע פאר די וועלכע נויטיגן זיך נאָכנישט אין צוויי פּיקאָפּס וועט דאָס ברענגען אַ דירעקטע טובת הנאה מיט ריינע און זויבערע גאַסן, וואָס איז פּאַקטיש אַ תועלת און אַ הרחבת הדעת פאר יעדן תושב באַזונדער.

עס ווערט טאַקע אויסגעדרוקט אַ באַזונדערן דאַנק פאַר אונזער געטרייען און היימישן טאַון קאָנסיל מעמבער, הר"ר אלימלך שלמה שוואַרץ הי"ו, וועלכער האָט מיט זיינע געבענטשטע קוואַליפיקאַציעס ערמעגליכט די פּאָזיטיווע אַנטוויקלונג. דאָס זעלבע איז שטאַרק באַגריסנד די פאַרשטענדעניש און קאָאָפּעראַציע פון אַלע שטאָט איינוואוינער, וואָס אַדאַנק אונזער פאַראייניגטע אחדות האָט מען ב"ה געקענט לעזן דעם פּראָבלעם אַזוי שנעל און פּאַסיג, לטובת כל בני העיר.

**נקיות מביא לידי פרישות. ובשם ה' נעשה ונצליח!**

# געהויבענער באַזוך דורך כ"ק אדמו"ר מתולדות צבי ספינקא שליט"א אין ישיבה "תורת צבי ד'ספינקא"

דעם פאַרלאָפענעם מיטוואך מקץ אין די מיטאָג שטונדן, בעפאָר דעם פערטל חנוכה ליכטל, האט מען געהאט די זכיי' צו מקבל זיין דאָ אין שטאָט פני כ"ק אדמו"ר מתולדות צבי דספינקא שליט"א וועלכער איז געקומען באַזוכן בקרב היכל ישיבתו המתנוסס לתפארה בתוככי עירינו בלומינג גראוו.

דער ספּינקא רבי שליט"א איז אַריבערגעקומען פּראַווען אַ מסיבת לחיים אין היכל ישיבה "תורת צבי ד'ספּינקא" וואָס איז מתנוסס לנזר ולתפארה אַלס אַ הערליכע דימאַנט אין דעם קרוין פון אונזער שטאט, מיט אירע צענדליגער בחורי חמד וועלכע זענען זיך מתייגע בתורה ועבודת השי"ת, אונטער די אויפזיכט פון די חשוב'ע מגי"ש ורמ"י הישיבה, ועל צבאם דער באַגאַבטער ראש ישיבה, האי איש האשכולות, שפתותיו שושנים נוטפות מור, הרב מרדכי הערש שפּיצער שליט"א, וואו דער כח התורה וואַקסט און בליעט.

צו דער באַשטימטער צייט האָט זיך שוין אָנגעזען אַ גרויסער ציבור תלמידים וחסידים וועלכע זענען געקומען פון דער נאָנט און ווייט צו מיטהאַלטן דעם געהויבענעם מעמד לחיים. באַזונדער איז געווען קענטיג מערערע בני החבורה פון די נאָבעלע "חבורת ללמוד שע"י ק"ק ספּינקא קרית יואל, וואָס ווערט באַגלייט בהנהלת הרב מרדכי הערש שפּיצער שליט"א, כולם באו נקבצו, לחזות בנועם ה' ולבקר בהיכלו.

מען האָט געזונגען עטליכע ניגוני קודש לרגל דעם מאורע און דאַן איז פאָרגעקומען דער מעמד לחיים וואו דער רבי שליט"א האָט משמיע געווען מדברותיו הערליכע דברי תורה לכבוד חנוכה, מתובל בדברי דרוש ואגדה ובדברי מוסר והתעוררות, אויסלאָזענדיג מיט ברכות און טיפע וואונטשן פאַר'ן גאַנצן ציבור מען זאָל שוין זוכה זיין צום ליכטיגקייט פונעם אור הגנוז בב"א.

דורכאויס דעם מעמד האָבן די פילצאָליגע אָנוועזנדע געהאַט די געלעגנהייט צו מיטהאַלטן פון דער נאָנט די פריידיגע הרחבת גבולי הקדושה וואָס ווערט דורכגעפירט אין דעם בנין הישיבה, ווען דער ביז יעצטיגער לאָקאַל איז שוין ב"ה גענצליך אויסגעוואַקסן פון פּלאַץ און עס איז אונטערגענומען געוואָרן אַ פולקאָמע רענאָוואַציע פּראָיעקט צו אויסברייטערן דעם היכל הישיבה, אין צוגאָב צו די העפטיגע בוי אַרבעט פאר די נייע מקוה וואָס ווערט געבויעט, לשם ולתפארת בית ה'.

**גדיים נעשו תיישים!**

# שטימע קאַסטן
## בריוו צו דער רעדאַקציע



מיר ווילן הערן "אייער שטימע"!

אין דעם קאָלום ערשיינען די בריוון און קאָמענטאַרן פון בלומינג גראָווער איינוואוינער צו דער רעדאַקציע.

אדרבה, שרייבט! איבער סיי וועלכע נושאים איר האַלט ס'קען פאַראינטערעסירן און נוגע זיין אַנדערע תושבי העיר, למען תועלת הציבור.


# איבער די ריכטיגע הלכה'דיגע אויסלייג פון די נאמען פון אונזער שטאט בלומינג גראוו!

אל מע"כ די רעדאַקציע פון דער שטימע, דער שופר פון אונזער באַליבטע שטאט בלומינג גראוו הע"י.

בפתח דברי וויל איך מיך צוערשט באַדאַנקן פאר די הערליכע אויסגאַבעס וועלכע טוען אַזוי נאָבל באַריכטן די בליה און וואוקס פון אונזער שטאט, און איבערהויפט די פאָרשריט און הרחבת גבולי הקדושה אין אַלע הינזיכטן וואָס ווערט דורכגעפירט מיט אַזאַ שיינקייט דורך די געטרייע ערוועלטע שליחי הציבור לכונן עיר מושב על תילה, לך בכוחכם זה!

כ'וואָלט זיך געוואָלט באַציען צו אַ וויכטיגע טעמע וואָס איז שוין אייגנטליך דערמאַנט געוואָרן צווישן די שפאלטענעס פון דער שטימע מיט אַ צייט צוריק, דאָס איז די הלכה'דיגע שאלה איבער דעם ריכטיגן אויסלייג און נאָמען פון אונזער שטאט, "בלומינגראוו" אָדער בלומינג גראָוו".

אַזאַ שאלה איז זייער אַסאַך נוגע ווען עס קומט צו עניני שטרות, קנינים, מכירת חמץ, נוסחאות וכדומה, און באַזונדער וועט דאָס זיין אַקטועל ווען ס'וועט אי"ה זיין אַ חתונה זאל דאָ אין שטאָט בקרוב, ביי די אַלע ענינים פון תנאים וכתובות והמסתעף.

איך האָב דאָס לעצטנס דורכגערעדט מיט אַ חשוב'ער מורה הוראה שליט"א וואָס האָט מיך אָנגעוויזן אַז טראָצדעם וואָס איז אין די מודעות און אין די צייטונגען האָט זיך איינגעגעבן צו שרייבן "בלומינגראוו", דאַרף מען אָבער על פי הלכה שרייבן דאָס וואָרט לויט דעם אויסלייג ווי עס ווערט געשריבן אויף ענגליש "בלומינג - גראָוו", פונקט אַזוי ווי די שטאָט "ניו יאָרק" שרייבט מען מיט צוויי ווערטער, ווי מ'שרייבט עס אין דער שפת המדינה.

דאָס מיינט אַז אויף אַלע הלכה'דיגע שטרות דאַרף מען שרייבן דעם נאָמען "בלומינג גראָוו" און נישט ווי איין וואָרט. דעריבער וואָלט געווען כדאי אַז מען זאָל אָנהויבן איינגעוואוינען דעם ציבור צו שרייבן מיט'ן ריכטיגן אויסלייג. סיי אין די מודעות און סיי אין די אַרטיקלען זאָל מען שרייבן דעם נאָמען פון אונזער שטאט "בלומינג גראָוו", אַזוי אַז ווען עס קומט צו שרייבן שטרות און כתובות א.ד.ג. זאָל מען שוין וויסן אַז דאָס איז די ריכטיגע וועג וויאַזוי דאָס צו אַרויסשרייבן.

ולמזהיר ולנזהר שלומים תן כמי נהר, אַ דאַנק פאַר'ן אַריינשטעלן מיינע שורות.

**י. ב.; אַ דאַנקבאַרער איינוואוינער**

ענטפער פון רעדאקציע: ישר כח פארן דערמאנען איבער דעם נושא, מיר וועלן בעזר השם לייגן דגוש דערויף מהיום והלאה כאשר עיניכם תחזינה מישרים שוין אין די דאזיגע "שטימע" אויסגאבע

# ולכל בני ישראל היה אור במושבותם!

מיט די קורצע שורות וואָלט איך בלויז געוואָלט מיטטיילן מיינע אינערליכע רגשי הלב, די געפילן וואס האט זיך ערוועקט דעם פאַרלאָפענעם שב"ק פרשת מקץ, שבת חנוכה העעל"ט, ווען ס'האָט אונז - דאָ אין דער קעפיטל הילל געגנט - באַטראָפן אַ שטיקל קורצשלוס בעת כניסת השבת, אויף אַ קורצע ווײַלע, פון אינמיטן קבלת שבת ביז אינמיטן די סעודה, ווען ס'איז צוריק ליכטיג געוואָרן.

ס'איז געווען ממש אַ רוחניות'דיגע פאַרגעניגן ווען איך בין אַהיימגעגאַנגען פון בית המדרש און געצייגט פאר מיינע קינדער: גיט אַ קוק, די גאַסן זענען טאַקע טונקל און שוואַרץ, אָבער פון כמעט אַלע הייזער שיינט ארויס די וואַרימע שבת און חנוכה ליכטעלעך וואָס רופן אויס מיט גליק און שטאָלץ: "דאָ וואוינט אַ איד!"

כ'האָב דערמאַנט פאר מיינע יונגלעך אַז ממש לעצטנס, אַ קאַרגע עטליכע יאָר צוריק, זענען די זעלבע גאַסן און די זעלבע הייזער געווען אָנגעפולט מיט די נאַרישע חגאות לעמפּ וואָס האָבן פאַרטונקלט די אויגן, אָבער יעצט ב"ה קוקט מען זיך אַרום און מען קען זיך נישט געווג אָנזעטיגן דעם אידישן נפש... ביי יעדע פענסטער, ביי יעדע טיר, ליגט אַ מנורה וואָס באַלייכט אידישע הערצער. אַך ווי שיין, אשרינו שזכינו!

ווי פון הימל האָט זיך אַזוי צוגעפירט אַז ממש ווען די לעכטעלעך פון די שבת און חנוכה לייכטערס האָבן אָנגעהויבן צאַנקען און זיך פאַרלעשן, האָט זיך אַ צינד אָן געגעבן די עלעקטריק אין אַלע הייזער, וואָס האָט ווי אָפּגעשפּיגלט דעם "חזו בני חביבי דעסקין בחדותא דיליה", און האָט אַזוי שיין אַרויסגעברענגט דעם הערליכן פאַקט אַז בלומינג גראוו איז ב"ה אויסגעשטיגן אַזאַ אידישע הייליגע שטאט, מלא אורה וקדושה, מיט אַ לעכטיגן הוה און נאָכמער אַ לעכטיגן עתיד.

און אודאי אַ דאַנק מעומק הלב פאַר די שליחי הציבור וואָס אַדאַנק אייער עבודת הקודש האַלט מען שוין ב"ה דאָ, ווען אונזער שטאט בליעט און ברייטערט זיך אויס מיט אַלע רוחניות'דיגע און גשמיות'דיגע פונקציעס אַלס אַן עיר ואם בישראל, כן יזכינו ה' למועדים ולרגלים אחרים, ולכל בני ישראל הי' אור במושבותם!

**אַ גליקליכער תושב עירינו.**

* * *


זייט אינפארמירט!
זיך אויפצוסיינען צו באקומען די ען. זשעי. סי. טעקסט און טעלעפאן אלערטס און אפדעיטס

ביטע טעקסט צו:
845.237.4828
אייער סעל נומער

# ניו יאָרק סטעיט העכסטער אַפּעלאַט געריכט וועט אָננעמען טראַנספּאָרטאַציע אָנקלאַגע פון "יו. דזשעי. סי."

## אין היסטאָרישן געראַנגל צו באַזאָרגן מוסדות התורה מיט סקול באַסעס אין טעג ווען פּובליק שולעס זענען פאַרשלאָסן

אין אַ פּאָזיטיווע אַנטוויקלונג אינערהאַלב דעם פאַרצויגענעם לעגאַלן קאַמף פאַר די וואוילזיין און רעכטן פון עלטערן אין בלומינג גראוו, איז דעם פאַרלאָפענעם דאָנערשטאָג וישב העעל"ט ערהאַלטן געוואָרן די באַשטעטיגונג פון דעם העכסטן אַפּעלאַט געריכט אין ניו יאָרק סטעיט אַז זיי וועלן בעז"ה יאָ אויסהערן די קעיס וואָס ווערט פּרעזענטירט דורך די פּראָפעסיאָנאַלע לויערס וועלכע פאַרטרעטן די "יו.דזשעי.סי.", צו באַוועגן די "וואַשינגטאָנוויל סקול דיסטריקט" אַז זיי זאָלן מוזן געבן די בארעכטיגע באָסעס פאר די מוסדות התורה אויך אין די 21 טעג ווען די אַלגעמיינע פּובליק שולעס זענען פאַרשלאָסן.

דאָס קומט נאָך אַ פאַרוויקלטע לעגאַלער קאַמף וואָס ציעט זיך שוין אַ לענגערע צייט, און איז אונטערגענומען געוואָרן דורך די שליחי הציבור צו באשיצן אידיש געלט פון גיין לטמיון און אָפּשטעלן דאָס באַקריוודען היימישע עלטערן פון זייערע מינימאַלע רעכטן.

ווי עס געדענקט זיך איז פאַראַיאָר, אין נאָוועמבער, ערשינען אַ גינסטיגער אורטייל פון געריכט וואָס האָט געשאָנקן אַ קלאָרע געווינס פאר חרדי'שע עלטערן, אז די פּובליק שולע דיסטריקטס זענען נישט באַפרייט פון דעם פליכט אין טעג ווען זיי זענען פאַרמאַכט און די "וואַשינגטאָנוויל סקול דיסטריקט" איז דעריבער פאַרפליכטעט צוצושטעלן טראַנספּאָרטאַציע פאר אַלע נישט- פּובליק שולע סטודענטן דורכאויס אַלע טעג ווען די פּריוואַטע מוסדות זענען אָפּן.

## דער געראַנגל קומט אָן אין אַפּעלאַט געריכט

צום באַדויערן האָט מען דערוויל נאָכנישט געקענט געניסן פון דעם אורטייל, צוליב דעם וואָס די "וואַשינגטאָנוויל סקול דיסטריקט" האָט באַלד דערנאָך אַפּעלירט דעם אורטייל אין דעם ניו יאָרק סטעיט אַפּעלאַט געריכט, וואָס האָט געצווינגען די "יו. דזשעי. סי." צו



*State of New York*
*Court of Appeals*

*Decided and Entered on the fifteenth day of December, 2022*

**Present,** Hon. Anthony Cannataro, *Acting Chief Judge, presiding.*

Mo. No. 2022-715
In the Matter of United Jewish Community of Blooming Grove, Inc., et al.,
Appellants,
v.
Washingtonville Central School District et al.,
Respondents.

Appellants having moved for leave to appeal to the Court of Appeals in the above cause;

Upon the papers filed and due deliberation, it is

ORDERED, that the motion is granted.

Lisa LeCours
Clerk of the Court

זיין פאַרוויקלט אין די געריכטליכע סעסיעס. מען איז שוין געוועזן צוויי מאָל ביי אַפּעלאַט געריכטן וועלכע האָבן צוריקגעדרייט דעם אָריגינעלן אורטייל באַשטימענדיג לטובת די סקול דיסטריקט.

די שליחי הציבור האָבן אָבער נישט אויפגעגעבן די וויכטיגע מיסיע, און אַלס דאס לעצטע און ענדגילטיגע שאַנס האָט מען אַריינגעגעבן אַן אַפּליקאַציע צו ברענגען דעם קעיס צום פערטן און סאַמע העכסטן אַפּעלאַט געריכט אין דער סטעיט אָוו ניו יאָרק סיטי. מען האָט דאָס געטון טראָצדעם וואָס מען מען האָט געצווייפלט אויב דאָס געריכט וועט בכלל אָננעמען די אָנקלאַגע, ווי דער שטייגער אַז אַ קעיס מוז האָבן גענוג אַ גרינטליכע באַזיס אַז דער פערטער אַפּעלאַט געריכט זאל דאָס אפילו אָננעמען און אויסהערן.

איז עס דעריבער געוועזן אַ גינסטיגע אַנטוויקלונג ווען מען האָט געהערט דעם פאַרגאַנגענעם דאָנערשטאָג וישב העעל"ט אַז דער העכסטער ניו יאָרק סטעיט אַפּעלאַט געריכט האָט למעשה באַשלאָסן יאָ צו אויסהערן די אַרגומענטן אַנבאַלאַנגט דעם קעיס. דאָס ווערט געזען ווי אַ פּאָזיטיווע צייכן אַז דאָס געריכט האָט אַנערקענט אַז די קלאַגע האָט אַ שטאַרקן באזיס, און מען האָפט אַז דאָס טוט אָנדייטן אַ גוטע ריכטונג לטובת די טויזנטער עלטערן פון איבער גרעיטאָר ניו יאָרק.

אין די קומענדיגע מאָנאַטן וועט דאָס געריכט באַשטימען אן אָפיציעלע דאַטום ווען די קעיס וועט פאָרגעלייגט ווערן פאַר די אַפּעלאַט ריכטער, וואו אונזערע אַדוואָקאַטן וועלן פּרעזענטירן די קלאָרע אַרגומענטן, צו אָפּשלאָגן די לעכערליכע טענות פון דעם סקול דיסטריקט.

עס ווערט אָנגעוויזן אַז דער יעצטיגער אַפּיעל איז למעשה די לעצטע און דעצידירנדע אַנטוויקלונג, ווייל נאָכדעם וואָס דער באַשלוס קומט אַרויס פון דעם העכסטן אַפּעלאַט געריכט קען דאָס שוין נישט אַפּעלירט ווערן. געוויס האָפט מען אַז ס'האָט זיך אַזוי פון הימל געפירט לטובה, אַז ס'זאָל אָנקומען ביז דעם פערטן אַפּעלאַט געריכט, ווייל אַזוי אַרום וועט אויסקומען אַז ווען דער העכסטער געריכט וועט באַשטימען לטובתינו, וועט די סקול דיסטריקט שוין מער נישט האָבן די מעגליכקייט דאָס צוריקצודרייען.

צו דעם ענדגילטיגן אַפּיעל ווערט אינוועסטירט אַסאַך צייט, געלט און כוחות, אינאיינעם מיט די לאָיערס און די לעגאַלע טיעם, צו אַריינגעבן אַ פּאַסיגע אַנטוואָרט להוציא כאור משפטינו, און געוויס האָפּט מען אַז אין זכות פון די צאן קדשים און מיט די ריכטיגע שתדלנות לטובת הכלל זאָל מען ווייטער זען סייעתא דשמיא, צו רעדוצירן די ראַטעס וואָס עלטערן דאַרפן צאָלן פאר טראַנספּאָרטאַציע, לא ירעו ולא ישחיתו בכל הר קדשי, ובשם ה' נעשה ונצליח.

**די יו. דזשעי.סי. וועט ווייטער אינפאָרמירן די איינוואוינער מיט אַלע נויטיגע אַנטוויקלונגען אין דעם אָנקלאַגע ביז צו די האָפנטליך- פּאָזיטיווע ענדע, ויה"ר שתשרה שכינה במעשי ידינו ויוציא לאור דינינו לטובה.**

**לעכטיגע חנוכה טעג אין בלומינג גראוו**

# הונדערטער חסידים ואנשי מעשה ותושבי העיר לעבן מיט געהויבענע ימי חנוכה בחצר הקודש צאַנז - זמיגראַד

## הדלקת הנרות און לעכטיגער שבת חנוכה לאָזט איבער אומבאַגרייפליכע רישומא קדישא אויף דער גאַנצער שטאָט

ווי יאָר יערליך איז דער צענטראַלער בית המדרש צאַנז - זמיגראַד פאַרוואַנדלט געוואָרן אַלס דער צענטער-פונקט, דער פנת יקרת ואבן שואבת, פאר פילע הונדערטער חסידים ואנשי מעשה, תושבי העיר און אַזוי אויך פון ווייטערע געגנטער, וועלכע האָבן געהאַט די זכי' זיך צו מסתופף זיין בצל הקודש פון כ"ק מרן אדמו"ר מצאַנז - זמיגראַד שליט"א, מגדולי תלמידי מרן רביה"ק מסאַטמאַר זי"ע, וועלכער פאַרשיינט מיט זיין כח הנהגה דעם רוחניות'דיגן און גשמיות'דיגן וואוקס פון דער שטאָט, און איז כמנהגו בקודש אַרויסגעקומען מדליק זיין את הנרות און לעשות את השבת, שבת ראש חודש חנוכה, בקרב עירינו, לשמחת לב כל תושבי העיר.

### מעמד הדלקת נר חנוכה במעמד עם רב

ליל שישי פרשת מקץ, דער פינפטער ליכטל, האָט זיך שוין אנגעזען דער גרויסער שטראָם פון אידן וועלכע זענען געקומען מיטהאלטן די לעכטיגע הדלקת הנרות חנוכה און די גאַסן פון מענגין און אַרום זענען ווי פאַרפלייצט געוואָרן פון דעם טראַפיק פאַרקער דורך דעם געוואַלדיגן ציבור, וועלכע זענען געקומען צופאָרן פון נאָנט און ווייט נישט צו פארפאסן די געהויבענע מאָמענטן וואו מען שעפט אַזויפיל יראת שמים און שמחה של מצוה בתוככי עם רב.

צו דער באַשטימטער צייט איז דער רבי שליט"א אַריינגעקומען אחוז בשרעפי קודש, און גלייך געמאכט די ברכות מיט א ברען און מיט א שטארקע רגש דקדושה. נאך הנרות און מעוז צור האָט דער רבי שליט"א ערשט געזאגט עטליכע קאַפּיטלעך פאַר זיך, בשעת די משוררים זינגען מעוז צור.

ווי דער מנהג איז בחצה"ק צאַנז זמיגראַד אַז אינאיינעם מיט די ניגוני חנוכה זינגט מען די ניגוני פסח וואו מען רעדט פון ניסים, האָט דער רבי אָנגעהויבן צו זאגן בקול רם און מיט התרגשות שפוך חמתך אל הגוים ביז'ן סוף. דערנאך האָט דער גאנצער ציבור געזינגען אינאיינעם דעם והוא שעמדה ניגון, און דער רבי האָט פאָרגעזאָגט לפיכך אנחנו חייבים להודות להלל ביז ונאמר לפניו שירה חדשה וכו'.

דאן זאָגט מען גאנץ הלל מלה במלה וואָס יעדעס ווארט איז מתוק מדבש אויפ'ן נעימות'דיגן נוסח פון מרן רביה"ק זי"ע. ביי הודו זינגט דער גאנצער ציבור דעם באוואוסטן צאַנזער ניגון אנגעהויבן פון לך אזבח זבח תודה, מען זינגט אויך ביי אנא ה'. נאָכדעם וואָס דער רבי האָט געזאגט הלל הגדול און נשמת מיט השתפכות הנפש, האָט ער מסיים געווען מיט'ן פארזינגען הויך דעם פיוט אדיר הוא יבנה ביתו בקרוב.

נאָך די זמירות האָט דער רבי זיך געזעצט צום טיש, וואו ער האָט געוואונטשן לחיים מיט ברכות והשפעות. דער גאנצער מעמד איז געווען באגלייט מיט שירה וזמרה דורך אַ משוררים קאַפּעליע לכבוד היום. דערנאך האָט דער רבי שליט"א געזאָגט דברות קודש מיט אַ פלפול איבער די קשיא פון בית יוסף, משולב מיט דברי תורה וחסידות, נאכזאגנדיג שיינע רעיונות פון מרן רביה"ק זי"ע, ווי אויך צוגעלייגט בליציגע חידושים ורעיונות, און געענדגט מיט ברכות לרוב.

נאָכ'ן טיילן פריטלעך פאַר'ן גאנצן ציבור באזונדער, האָט מען אריינגעברענגט א פולן טאַץ מיט מטבעות קודש. און די הונדערטער אידן זענען אדורכגעגאנגען לברך ולהתברך מברכות קדשו, באַקומענדיג א מטבע לזכרון ולשמירה פון יד קדשו.

### מנוחה ושמחה אור ליהודים בצל הקודש

גאָר געהויבן איז אַריבער דער סידורו של שבת קודש, שבת ראש חודש און שבת חנוכה, אין היכל בית המדרש צאַנז - זמיגראַד בצל הקודש.

ליל שב"ק איז דער רבי שליט"א אַריינגעקומען צום עריכת השלחן הטהור, ווען טראָץ די אומגעהויערע פרעסטן און די ווינטען וואס האבן געבושעוועט, איז זיך צונויף געקומען אַ שיינער ציבור חסידים ואנשי מעשה צו דעם זה השלחן אשר לפני ה'. דער רבי איז אַריינגעקומען מעוטף בטליתו כנהוג, מקדש געווען את השבת און דערנאָך געפּראַוועט די סעודה וואו ער פארטיילט שיריים פון אלע מאכלים, און מכבד געווען צו זינגען די ניגוני שבת פאר אנשי שלומו. דער רבי האָט כדרכו בקודש פאָרגעלערנט ספה"ק נועם אלימלך און נאָכ'ן בענטשן האָט מען געטאַנצן "רננו צדיקים" אין אַ מחול לצדיקים.

בצפרא דשבתא האבן זיך פארזאמלט א ריזיגער ציבור מתפללים תושבי העיר עד אפס מקום, וועלכע זענען געקומען מיטהאלטן דעם שבת חנוכה ור"ח בצלא דמהימנותא. דער רבי שליט"א האט יורד געווען לפני התיבה צו "אמירת הלל" מיט א באזונדערע התעוררות און נעימות יתירה. דאס ליינען אליין די קריאת התורה איז דאך באַקאַנט אלס גאר א שטארקע עבודה ביים רבי'ן שליט"א, וואס גייט צו מיט א שטארקע רגש דקדושה.

אויך די סעודת רעוא דרעוין איז אַריבער מיט אַ התרוממות הנפש ווען נאָך די וואַרימע זמירות האָט דער רבי משמיע געווען אַ

פאַרזעצונג אויף קומענדיגע זייט

וקבעו שמונת ימי חנוכה אלו בהלל והודאה!

# חרדי'שע בלומינג גראָוו לעבט מיט דערהויבענעם שבת מיט כ"ק אדמו"ר מוויזשניץ שליט"א וויליאַמסבורג

## גייסטיג דערהויבענע "ימי אורה" אָפּגעראָכטן מיט זעלטענע התרוממות אין אַלע ווינקלען בתוככי עירינו בלומינג גראוו המעטירה

הייליגע און לעכטיגע טעג זענען אַריבער אויף אונזער באַליבטע שטאט בלומינג גראוו, דורכאויס די פאַרלאָפענע ימי חנוכה העעל"ט, וואָס איז געפּראַוועט געוואָרן מיט אַ מנוחת הנפש און אַ שמחה של מצוה בכל פנות העיר, דורך די הונדערטער גליקליכע איינוואוינער בליעה"ר.

במשך די אַכט טעג און נעכט איז אונזער שטאט ווי איינגעהילט געווען אין אַ געשמאַקע וואַרימע און היימישע חנוכה שטימונג וואָס מען האָט איינפאַך געקענט טאַפּן אויף די גאַסן. איבערהויפּט מיט אַ בליק אויף געסלעך און שאסייען פון וואו ס'האָט אָפּגעהילכט דער פרסומי ניסא בימים ההם בזמן הזה, דורך די שיין פון די מנורה'ס וואס זענען געזען געווארן פון אלע שטיבער און בתי מדרשים, הנרות הללו קודש הם.

שפּרייזנדיג אויף די רואיגע וועגן און שטעגן פון בלומינג גראוו, ווען פון אַלע טירן און פענסטער שפּאַרן אַרויס די הייליגע חנוכה ליכט און פרייליכע ניגוני יום טוב פון די קינדער געבענטשטע פאַמיליעס, האָט דאָס ווירקליך דערמאַנט דעם "שעשה נסים לאבותינו בזמן הזה", ווען אין דער נישט ווייטער פאַרגאַנגענהייט איז בלומינג גראוו למעשה געווען אַ באַזע פון פיינטליכע עלעמענטן וועלכע האָבן בלויז פּרובירט צו שטערן און אָפּהאַלטן דעם אידישן וואוקס, און זייערע חגאות לעמפּלעך זענען פראָמינענט געזען געוואָרן אויף אַלע גאַסן אין אַזאַ צייט פון יאָר.

אַצינד אָבער האָט ב"ה פּאַסירט דער נס פון "טמאים ביד טהורים ורשעים ביד צדיקים וזדים ביד עוסקי תורתיך", ווען דאָס באַלאַנגט שוין מערסטנס צו דער פאַרגאַנגענהייט און אידישקייט אין בלומינג גראוו בליעט און שיינט מיט אַזאַ היימליכע אַטמאָספערע פון תורה און קדושה, איינגעהילט אין אַ חנוכה גייסט וואס איז מערקבאר אויף יעדן טריט און שריט. עס בויעט זיך אַ עיר ואם בישראל אין אַ לעכטיגן רוחניות'דיגן גייסט, לא יאומן כי יסופר! כה יתן ה' וכה יוסיף.

איבערהויפּט האָט דער זיסער "חנוכה" אַטמאָספערע זיך געשפּירט אין די פילצאָליגע בתי מדרשים און קהלות הקודש אין דער שטאָט, וועלכע האָבן אַלע געשפּרודלט און געווירבלט מיט דעם חנוכה גייסט פון "אורה זו תורה", באַגלייט מיט הערליכע שיעורי תורה ותפלה און סעודות מצוה וואָס זענען אָפּגעראָכטן געוואָרן ברוב פּאר והדר.

אַרויסגייענדיג פון אַזאַ לעכטיגן יום טוב דאָ אין שטאָט קוועלט דאָס האַרץ פון פרייד ווען מען איז זיך מתבונן וויאַזוי די שטאָט וואַקסט און בליעט מיט אַזאַ שיינקייט און פּראַכט אויף אַלע פראָנטן, מיט אַן ענדלאָזע פלוס פון נאָך בתי מדרשים, נאָך ישיבות און מוסדות התורה והחינוך, ומוסיפין והולכין בקודש, וואָס דאָס איז אַלעס בלי ספק דער גרויסער כוחו של אותו זקן אבינו רועינו רביה"ק זי"ע, אַז אונזער שטאט איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אַלס דער הערליכער "אבן שואבת" פאר אידן יראים ושלמים, וועלכע זוכן צו מגדל זיין די דורות על דרך התורה והמסורה לנו מיט הרחבת הדעת על מי מנוחות.

פּאָלגענד זענען אייניגע חנוכה באַריכטן פון די קהלות הקודש בתוככי עיר בלומינג גראוו המעטירה, מיט אַ שטיקל אַריינבליק אין די דעטאַלן פון די געהויבענע ימי שמחה, און מיט אַ תפלה אַז מיר זאָלן טאַקע זוכה זיין צו מיטנעמען די אורות פון חנוכה אויפ'ן גאַנצן יאָר.

### פארזעצונג פון פריערדיגע זייט

התעוררות'דיגע תורה מעינא דיומא, וואס האט גאר אסאך אויפגעהויבן די געפילן ביים ציבור המשתתפים, איבער די געהויבנקייט פון די ליכטיגע זמנים, ימי אורה ושמחה, די טעג פון חנוכה להודות ולהלל.

מוצאי שבת קודש איז געפּראַוועט געוואָרן דער הייליגער מעמד הדלקת הנרות און דערנאך די סעודת מלוה מלכה און סעודת ראש חודש טבת בביתו נאוה קודש אויף א פריוואטן פארנעם, ספעציעל פאַר אַן ענגע צאָל, קרואי מועד אנשי שם, נגידים חשובים וועלכע שטייען צוהילף למען החזקת בית המדרש במשך כל ימות השנה מיט גרעסערע נדבות הקודש. ביים מלוה מלכה האט דער רבי שליט"א מאציל געווען מברכותיו הטהורים, אויפגעטרעטן מיט דברי תורה און פארציילט סיפורי צדיקים פאר די משתתפים.

זונטאג אינדערפרי, ראש חודש, האט דער רבי געדאווענט אין בית המדרש אינאיינעם מיט א גרויסער ציבור וועלכע האבן אויסגענוצט די געלעגנהייט צו מתפלל זיין אינאיינעם מיט'ן רבי'ן ברוב עם הדרת מלך. ווען דער רבי האט זיך געזעגענט פון שטאט איז שוין געווען נאך חצות היום און געוויס קוקט מען שוין אַרויס אויפ'ן קומענדיגן שב"ק ווען דער רבי וועט נאָכאַמאָל ווייל אין שטאָט בקרב חסידיו תושבי העיר

**ובזמן שהצדיק בעיר הוא הודה, זיוה והדרה!**

# VILLAGE OF SOUTH BLOOMING GROVE

811 Route 208, Monroe NY 10950 · Phone: 845-782-2600 · Fax: 845-782-2601
P.O. Box 295, Blooming Grove, New York 10914 · www.vosbg.com

**Mayor**
George Kalaj

**Deputy Mayor**
Abraham Weiss

**Trustees**
Yitzchok Feldman
Asher Guttman
Zalmen Rosner

**Village Counsel**
Scott Ugell

**Special Counsel**
Ira Immanuel

## פריידיגע מעלדונג

אזויווי אין די פארגאנגענע פאר יאר איז אריינגעקומען פילע בקשות פון תושבי עירינו המעטירה לטובת די ריינקייט פון די געגנטער אין אונזער שטאט אז דער ווילידזש זאל צושטעלן מערערע גארבידש פיקאפס פער וואך אזויווי און אלע אנדערע אידישע געגנטער.

מיר האבן פרובירט דאס צו ארלעדיגן מיטן טאון פילע מאל וויבאלד זיי פארפיגן מיט די סאניטאציע אפעראציע, זיי האבן דאס כסדר אפגעווארפן מיט הארטנעקיגקייט, אלזא איז אונז א כבוד אייך צו מעלדן אז נאָך אינטענסיווע אַרבעט און אַסאַך שעות פון פאַרהאַנדלונגען

**איז ב"ה געלונגען פאַר'ן ווילעדזש צו אויסהאַמערן אַ פּאָזיטיווער אָפּמאַך ווען ס'איז געשלאָסן געוואָרן אַ דיעל צווישן דעם ווילעדזש מיט דער**

# Marangi סאַניטאַציע פירמע

**צו אָנהויבן אַ נייעם סקעדזשול, פון אויפפּיקן די סאַניטאַציע**

# "צוויי מאָל אַ וואָך", מאָנטאָג און דאָנערשטאָג אינדערפרי!

**צו פאַרזיכערן אַז די שטאָט איינוואוינער באַקומען דאָס בעסטע סאַניטאַציע סערוויס אָן קיין איבערגעטריבענע פּרייזן**

- די נייע סאַניטאַציע סקעדזשול וועט זיך שוין אָנהויבן תיכף ומיד: **די וואך דאָנערשטאָג אינדערפרי**, וועט מען אויפפּיקן די צווייטע פּיקאָפּ!
- די פּרייז פאר דעם צוגאָב פּיקאָפּ פון דאָנערשטאָג וועט זיין נאך $20 חודש'ליך פאר יעדע האַוזהאָלד, וואָס וועט ווערן געבילט דורך דעם ווילעדזש.
- די פרייז פארן **ערשטן פיקאפ מאנטאג** וואס ווערט געפירט דורך דעם טאון איז **$31.50 פער סעט פון צוויי קענס**. דאס ווערט געבילט דורך דעם טאון צוזאמען מיט אייערע טאון טעקסעס.
- אַלע וועלכע האָבן **אויפגעסיינט פאר אַ צווייטע 'גאַרבעדזש קען' מיט די 'סאניטאציע פירמע דירעקט' וועלן ערהאַלטן אַ פולקאָמע 'ריפאונד'** פון דער פירמע.
- איינוואוינער וועלכע ווילן אין **צוגאָב צו די צוויי מאָל אַ וואָך פּיקאָפּ אויך צולייגן נאָך אַ 'גאַרבעדזש קען'**, קענען דאס פאַרלאַנגען פאר די אָפּצאָל פון **נאָך** $15.
- די פּיקאָפּ וועט פאָרקומען דאָנערשטאָג פאַרטאָגס, אין די פריע שעות, מאַכט דעריבער זיכער צו **אַרויסלייגן די 'גאַרבעדזש קענס' שוין מיטוואָך נאַכט.**
- **די 'קענס' קענען זיין אויסגעמישט, און באַקסעס דאַרפן זיין אין די 'קענס'**, מ'וועט נישט נעמען קיין באַקסעס וועלכע ליגן אינדרויסן פון די קענס.
- ביטע האט איינזעעניש פאר אייך און פאר יעדעמ'ס טובה וועגן און נעמט אריין די גארבידש קענס נאך דעם פיקאפ בכדי אנצוהאלטן דעם הערליכן ריינעם אידישן כאראקטער פון די שטאט – ונקיות מביאה לידי פרישות!

## ובשם ה' נעשה ונצליח!

**ביי דער געלעגנהייט דרוקן מיר גלייכצייטיג אויס אַ דאַנק פאר די געמיינזאַמע פאַרשטענדעניש און קאָאָפּעראַציע פון אַלע שטאָט איינוואוינער, וואָס אַדאַנק אונזער פאַראייניגטע אחדות האָט מען ב"ה געקענט לעזן דעם פּראָבלעם אַזוי שנעל און צוגענליך, לטובת כל בני העיר.**

### אַ דאַנק!

א באזונדערע דאנק פאר אונזער חשוב'ער טאון קאונסילמאן **ר' אלימלך שמשון שווארץ** הי"ו וואס האט אריינגעלייגט פיל כח און מי אין די פארהאנדלונגען מיט די פירמע

# ברכת מזל טוב
## לתושבי עירינו שהשמחה במעונם

הגה"צ **אב"ד ראדאוויץ** שליט"א
לרגל נישואי נכדתו למז"ט
והכנסת נכדו לעוהתומ"צ

הגה"צ ר' **יואל האלברשטם** שליט"א
**אב"ד קיט"ל דסאטמאר בלומינג גראוו**
לרגל הולדות נכדו למז"ט

ר' **דוד לייבוש יאקאבאוויטש** הי"ו
לרגל נישואי נכדו למז"ט

ר' **אברהם יעקב מאשקאוויטש** הי"ו
לרגל נישואי נכדו ואירוסי נכדתו למז"ט

ר' **שלמה דוד גרינהוט** הי"ו
לרגל הולדת נינו למז"ט

ר' **נחום יואל שטערנפעלד** הי"ו
לרגל הולדת נכדו למז"ט

ר' **יעקב טייטלבוים** הי"ו
לרגל הולדת נכדו למז"ט

ר' **שמעון ישראל פאזען** הי"ו
לרגל הולדות נכדתו למז"ט

ר' **יוסף לעווי** הי"ו
לרגל אירוסי בנו למז"ט

ר' **יואל אלכסנדר שטערן** הי"ו
לרגל אירוסי בתו למז"ט

ר' **יוסף ראזענפעלד** הי"ו
לרגל אירוסי בתו למז"ט

ר' **אהרן מאנדל** הי"ו
לרגל אירוסי בתו למז"ט

ר' **משה וואלף יאקאבאוויטש** הי"ו
לרגל נישואי בנו למז"ט

ר' **בנציון יאקאבאוויטש** הי"ו
לרגל הולדות בנו למז"ט

ר' **שמואל זאב הכהן לאנדא** הי"ו
לרגל הולדות בנו למז"ט

ר' **יונה שווארץ** הי"ו
לרגל הולדות בתו למז"ט

ר' **יואל שלום לאוב** הי"ו
לרגל הולדות בתו למז"ט

ר' **אפרים הערשקאוויטש** הי"ו
לרגל הולדות בתו למז"ט

ר' **שמואל פאזען** הי"ו
לרגל הולדות בתו למז"ט

ר' **יואל פארקאש** הי"ו
לרגל הולדות בתו למז"ט

הרב **אהרן שלמה מארגענשטערן** הי"ו
לרגל הכנסת בנו לעוהתומ"צ

הרב **דוב בער מרגליות** הי"ו
לרגל הכנסת בנו לעוהתומ"צ

ר' **אברהם וואנחאצקער** הי"ו
לרגל הכנסת בנו לעוהתומ"צ

ר' **שמעון גערטנער** הי"ו
לרגל הכנסת בנו לעוהתומ"צ

ר' **חיים הערש גאלדבערגער** הי"ו
לרגל תגלחת בנו למז"ט

ר' **דוד זיכערמאן** הי"ו
לרגל תגלחת בנו למז"ט

ר' **שמעון ראטה** הי"ו
לרגל תגלחת בנו למז"ט

ר' **יואל וואלדמאן** הי"ו
לרגל תגלחת בנו למז"ט

יזכו כולם לראות רב
נחת דקדושה מתוך
הרחבת הדעת

# הדלקת נרות חנוכה דורך כ"ק אדמו"ר מוויזניץ שליט"א פון וויליאַמסבורג, בתוככי היכל ישיבת וויזניץ אין בלומינג גראוו

אום דינסטאג נאַכט, יום ג' שנכפל בו כי טוב, פון די ימי חנוכה המאירים האט מען געהאַט די זכי' צו אַנטפאַנגען דאָ אין שטאָט, כ"ק אדמו"ר מוויזניץ שליט"א פון וויליאַמסבורג, וועלכער איז באַזונדער ארויסגעקומען צו צינדן די חנוכה ליכט, בקרב חסידיו ובקרב תלמידיו, אין דער באַרימטער וויזניצער ישיבה, וואָס דינט אַלס די אכסני' של תורה פאר די טייערע בחורי חמד וועלכע זיצן על התורה ועל העבודה.

ס'איז שוין אייגנטליך דאָס צווייטע יאָר אין דער רייע, וואָס מען האָט די געלעגנהייט אַז דער וויזניצער רבי שליט"א פון וויליאַמסבורג, קומט צופאָרן אויף אַ חנוכה ליכט, צו מאציל זיין מהודו פאר תלמידיו כבנים, און איז מדליק את הנרות בהיכל הישיבה, וואָס האָט פאָרגעזעצט מיט די זמירות חנוכה, כנהוג אין בית וויזניץ להודות ולהלל.

ביי די געהויבענע הדלקת הנרות האָבן זיך באַטייליגט אויך אַ גרויסער ציבור חסידי וויזניץ וועלכע זענען געקומען פון נאָענט און ווייט צו מיטהאַלטן דעם ליכטיגן מעמד. באַזונדער איז געווען קענטיג פילע תושבי העיר וועלכע שפּירן אַ שעצונג צו דער ישיבה הק' וואָס הייבט אויף דעם כח הרוחני אין שטאָט, מיט אירע נאָענט צו הונדערט בחורים בליעה"ר, זייענדיג אַ זיכערע שמירה פאר די גאנצע שטאט ברוחניות ובגשמיות, תורה מגינא ומצלא!




**BG shtima**
P. O. Box 808
Monroe NY 10949